# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana. — Judische Illustrierte Zeitung.

**Wychodzi każdego piątku. Prenumerata wynosi:** Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50, kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 3.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje:** Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis:** jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50. — M. 6 — Frs 7·50. —vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 3·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**. Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.341. **Inseraten-Annahme:** Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. **אבאנאמענטס-פרייז:** יעהרליך 10 קראנען. = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50, פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד ארמיניסטראציאן: קראקא גראָדגאססע 62. — טעלעפאן נו' 412 — עסטערר. פאָסטשפארק.-קאַסא נו' 57,341. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען-ביראה „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.


## א שרעקליכע נקמה.



א שרעקליכע נקמה: לואיזע רעלארנע ווירד דערשטאָכען אין א שענק. (אויבען רעכטס · דאָס בילד פון דעם ראָזביוניק ליאבעף. לינקס: דאסבילד פון דער רעלארנע).

# די בצלאל־אויסשטעלונג אין לעמבערג.

דיעיניגע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען ביינעלעגט א פאסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטץ צושיקען פון אונזער בלאט.

•

די פ. ט. אנענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווייל זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, במיעלנא נ׳ 49. פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נר 16.

אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.

אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.

אין אמעריקא: ש. דרוקערמאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

## די אדמיניסטראציע.

---

# א הערצאג אלס וועקסעל־פעלשער.

די פערשידענע פערברעכענס אין גרויסען מאס־שטאב, וואס עס פעראיבען די הערכסטאדעליגע יונגע לייט, קוסען פאר אין דער לעצטער צייט אזוי הייפיג, אז ווען מען ענדעקט למשל, א גראף, א באראן אדער א הער־צאג אלס וועקסעל־פעלשער אדער פאלשטינצער, רופט עס מעהר נישט ארויס קיין איבערראשונג און ס׳ווערד שוין פערדעכענט צו די „אלטעגליכע" סענזאציעס.

לעצטענס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער איטא־ליענישער הערצאג פאן נאמפאבעללא, וועמענס בילד מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער, האט געפעלשט וועקס־לען אויף א סך א סך טויזענדער לירען.

נאמפאבעללא איז א נעפע פון דעם רייכען קאר־דינאל ראמפאלא אין רוים און פלעגט פון זיין רייכען פעטער שטענדיג צו בעקומען געלד. מיט דער צייט איז אבער צווישען זיי ענטשטאנדען א מחלוקת און דער רייכער פעטער האט מעהר קיין געלד נישט געוואלט געבען, דער יונגער הערצאג, וועלכער איז שוין געוואוינט געוועזען צו אלע קאסטבארסטע תענוגים, האט אבער אהן געלד נישט געקענט עקזיסטירען און האט זיך מיישב געוועזען צו פעלשען זיין פעטער׳ס אונטערשריפט, כדי אויף זיינע וועקסעל צו בעקומען גרעסערע סומען געלד.

א צייט איז עס איהם אזוי געלונגען, און האט געפיהרט א פרייע לעבען. נאר לעצטענס האט ער צו א פלארענצער וואוכערער געבראכט א וועקסעל אויף 65,000 לירעס און דער וואוכערער האט באלד דערקענט, אז דאס איז נישט די אינטערשריפט פון דעם רייכען קארדינאל ראמפאלא און האט דעם הערצאג דערווייל געגעבען בלויז 17,500 לירעס און דאס וועקסעל האט האט ער געשיקט צו א רוימישען אדוואקאט, וועלכער האט ראמפאלא׳ן דאפון פערשטענדיגט. דערווייל איז די זאך געווארען א סוד פאר גאנץ רוים און צום רייכען פעטער האבען זיך א שיט געטהון צעהנדליגע בעלי־חובות מיט וועקסלען. ראמפאלא ווידער, האט נישט געוואלט מאכען קיין עפענטליכע שקאנדאלען און האט בעצאהלט אלע געפעלשטע וועקסלען.

---

# א ניי קינדער־שפיטאל אין טשערנאוויץ.

אין טשערנאוויץ איז ערעפענט געווארען דאס נייע אויפגעבויעטע יודישע קינדערשפיטאל, וועלכעס עס האט געשטיפטעט דער יודישער פלאנטראפ דר. פישער, אנלעס־ליך דעם 30 יעהריגען רעגירונגס־יובילעאום פונ׳ם קאיזער.



בצלאל: אטעליער פאר דאמאסקוס־מעטאלארבייט׳ן.

דאס שפיטאל פיהרט דעם נאמען: „משה און חנה־שרה פישער׳ישעס קינדער־שפיטאל" און איז ערריכ־טעט לויט די נייעסטע פארשריפטען פון דער היגיענע.

ביי דער פייערליכער ערעפנונג פון דעם נייען שפי־טאל, זענען געוועזען אסך יודישע פערזענליכקייטען און אויך נישט־יודישע, צווישען וועלכע ס׳האבען זיך געפינען דער לאנדעספרעזידענט דר. פאן בליילעבען און באַ־ראן וואסילקא.

דאס געביידע פון קינדערשפיטאל, וואס מיר ברענ־גען זיין בילד אין דער געגענווערטיגער נומער, איז גע־בויעט געווארען לויט׳ן פלאן פון יודישען ארכיטעקטען קאמפלער.

---

# אבדול האמיד משוגע.

דער געוועזענע טירקישער סולטאן אבדול האמיד, וועלכער איז בשעת דער טירקישער רעוואלוציע פון די יונג־טירקען אפגעזעצט געווארען און געפינט זיך זייט דעמולט אין א ווילע נישט־ווייט פון סאלאניקי, קען זיין העראבזעצונג נאר נישט לייכט איבערטראגען, מיט אנ׳־עכטען ארינטאלישען טעמפעראמענט בענקט ער נאך זיין לאנגיעהריגער זעלבסטהערשאפט, ווינע זעלען־שמערצען און פערדרוס טרייבען איהם אזש ביז צום שגעון.

זייט א קורצע צייט האבען זיך פערשפרייט ידיעות אז ער איז משוגע געווארען און טרייבט אן זיין פאלאסט אונערהערטע מעשים. ס׳האט געהייסען, אז ס׳בעפאלט אלע מאל אזא מעלאנכאליע און דעמולט מאכט ער חריב דאס מעבעל וואס געפינט זיך דארט, צערייסט דאס בעטצייג מיט די פארהענגע און ברעכט אוים די שויבען מיט די איבריגע קאסטבארע געגענשטענדע.

די ידיעות האט מען אל׳ן געהאלטען פאר איבער־טריבען, אויס׳ן ערנסטען פאל האט מען אנגענומען, אז ער איז א ביסעל מעלאנכאליש. אבער זיין לעצטע טהאט האט בעשטעטיגט די פערשפרייטע ידיעות און האט בע־וויזען, אז ער איז פאקי משוגע.

צוריק מיט עטליכע טאג האט ער זיין האנדטוך אנגעכונדען צו א פעסט בעווארענטעם געגענשטאנד אין האט זיך געוואלט אויפהענגען. איינער פון זיינע פאלאסט־דיענער, וועלכער גיעט אויף איהם שטענדיג אכטונג, האט דאס תיכף דערזעהן און האט אנגעכאפט דאס האנדטוך, נישט דערלאזענדיג איהם זיך הענגען. דאס האט דעם עקס־סולטאן געבראכט אין אזא כעס אריין, אז ער האט אזש דעם דיענער אבגעביסען א פינגער. דער דיענער האט אבער געמאכט א געוואלד, ביז ס׳זענען זיך צוזא־מענגעלאפען די איבריגע דיענערשאפט און מיט גרויס מיה איז עס זיי געלונגען, אראבצונעהמען דעם עקס־סולטאן פון זיין האנדטוך־תליה...

---



בצלאל: פיליגראן־אטעליער

# דר. יעקב לעווקאוויטש.

אין עלענד און אין דחקות איז אין ווארשוי געשטארבען דער יונגער יודישער פילאזאף דר. יעקב לעווקאוויטש, אינ׳ם אלטער פון 28 יאהר.

געבוירען איז לעווקאוויטש געווארען אין א קליין שטעדטיל פון רוסיש־פוילען, ביי ארימע חסידישע עלטערן. אלס א קינד מיט אויסערגעווענליכע גייסטיגע פעהיגקייטען, האט ער באלד אין דער גאנצער סביבה געשמט פאר א „עילוי״.

מיט זיין גאנצער התמדה האט ער זיך דאן געווארפען צו וועלטליכע לימודים בכלל און צו פילאזאפיע בפרט. אינ׳ם משך פון עטליכע יאהר האט ער עס געבראכט אזוי ווייט, אז ער האט געענדיגט די אוניווערזיטעט און בעקומען די דיפלאם אלס דאקטאר דער פילאזאפיע.

ער האט פיעל געשריעבען איבער שפינאזא, קאנט, שלמה מיימון, ניטשע און אנדערע פילאזאפען. אלע זיינע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט אריגינעלע און העכסטבעדייטענדע געדאנקען. בעזונדערס רוהמווערטה זענען זיינע ווערק „די פילאזאפיע פונ׳ם יודענטהום״ און די איבריגע וואס האבען א שייכות צום יודענטום.



א גרעפין אלס פרוי פונ׳ם עגיפטישען קעניג: דער קהעדיווע פון עגיפטען.

צו זיין כבוד זאל אויך דערמאנט ווערען, אז ער איז געווען א בעגייסטערטער און טעטיגער ציוניסט. נאך מיט 10 יאהר צוריק איז ער שוין געווען א דעלעגאט צום פיערטען קאנגרעס אין לאנדאן.

ער איז געווען איינער פון די ווענינע וואס לערנען די וויסענשאפט לשמה און האט זי נישט בעטראכט אלס „קרדום להפר בה״. דער רעוואלט פון זיין אידעאלער אויפפאסונג איז געווען, אז ער האט געלעבט אין דער גרעסטער נויט. ער האט נישט איינמאל זיינע וויסענשאפטליכע רעפעראטען געלעזען הונגעריגערהייט און זיינע ווערקע האט ער געשריעבען אין זיין נישט־בעהייצטען צימער׳ל. די דירעקטע סבה פון זיין טויט איז געווען א פערקיהלונג, ווייל די פילאזאפיע האט איהם נישט געטראגען אפילו א ווינטער־מאנטעל און ער איז ביז׳ן לעצטען מאמענט געגאנגען זומערדיג אנגעטהון. דורך וועלכען ער האט זיך צו געצויגען א פערקילונג און איז אין עטליכע טאג ארום געשטארבען.

און דער פערזאן פון דר. יעקב לעוויקאוויטש, וועמענס בילד מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער האבען זיינע חברים און תלמידים פערלוירען א טרייען פריינד, א מיט־פיהלענדען לעהרער, און דאס יודענטהום — א איבערגעגעבענעם קעמפפער און א זעלטענעם פילאזאף.



בצלאל: טעפיך־אטעליער.

# שרעקליכע אייזענבאהן־קאטאסטראפע אין ענגלאנד.

די לאנדאנער אומגעבונג איז בעקאנט מיט איהר שטארקען און שנעלען באהן־פערקעהר. אזוי אז פון שטעדט וואס זענען צעהנדלינגער מייל ווייט פון לאנדאן, קומען הונדערטער מענשען מיט די שנעל־ציגע קיין לאנדאן, כדי זיך צו אונטערהאלטען אדער עפיס צו בעזארגען און פאהרען דאן צוריק.

אין דער גאנצער אומגעבונג זענען פאראהנען דרייערליי גלייזען בלויז פאר די עקספרעס און בליצציגע א חוץ פאר געוועהנליכע פערזאנען־ציגע. קאטאסטראפען זענען דארט דערפאר כמעט נישט־מעגליך און דאך האט יענע וואך אין שטאאטס־נעסט, נישט ווייט פון לאנדאן, פאסירט א גרויס אומגליק, וועלכעס האט אין ענגלאנד שוין לאנג נישט געהאט זיינס גלייכען.

ס׳האבען זיך צוזאמען געשטויסען צוויי ציגע אין פיער וואגאנען זענען געגנזליך צעשמעטערט געווארען עטליכע וואגאנען זענען דורך דער צוזאמענשטויסונג־קראפט געווארפען געווארען אין אזא הויך, אז מאנכע וואגאן־געגענשטענדע זענען אויש געבליעבען ליגען אויפ׳ן דאך פון דער באהן־שטאציאנס־געביידע.

ריעזע קאטאסטראפע, פון וועלכער מיר ברענגען א פאטאגראפישע אויפנאהמע האט געהאט 35 מענשליכע קרבנות. פון וועלכע 7 זענען געהרג׳ט געווארען און 28 זענען שווער פערלעצט. די טויטע אין פערוואונדעטע זענען לרוב רייכע ענגלענדער, וועלכע ווענען זיך געפאהרען קיין לאנדאן א ביסעל אונטערהאלטען.

# א רפואה צו מאזטלי.

די מעדיצינישע וויסענשאפט, וואס מאכט אלע מאל גרעסערע פארשריט, האט ווידער צו פערצייכנען א נצחון אין דעם קאמפף מיט דער רויהער נאטור.

מאזעל׳ן איז א קראנקהייט וואס יעדעס קינד מוז דורכמאכען און נישט איין פאמיליע האט דאפון גרויסע צרות, דען די קראנקהייט ווירקט אונגעהייער אנשטעקענד אויף די איבריגע קינדער און אפילו אויף אזעלכע וואס קומען מיט דעם קראנקען קינד אין אינדירעקטע פערבינדונג.

ביז איצט איז געגען דעם נישט געווען קיין שום מיטעל, נאר די קראנקהייט האט געמוזט האבען אויסשטאנד און אויב א קינד האט זיך נאך אין מיטען דיזער קראנקהייט פערקיהלט, אזוי איז עס ארייגעפאלען אין א לעבענס־סכנה.

ע׳ישט איצט איז עס דעם פריוואט־דאצענט דר. זיטלער פון קאלמאר (עלזאס־לאטהרינגען), וועמענס בילד מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער, געלונגען צ



בצלאל: פראפעסאר שאץ אין נאטור היסטארישען מוזעאום פון בצלאל.

נעפינען א ־פ־אה נענען דער מאועל־ק־אנקהייט. און דאס איז פא־ דער מעדיצינישער וויסענשאפט א גרויסער פא־טש־יט.

די פרטים פון דער רפואה זענען אפילו נאָך נישט בעקאנט. דען דער ערפינדער וויל זיי ערשט פא־לענען פאר א מעדיצינייש־וויסענשאפטליכער קאָמיסיע און דאן מאכען עפליכע עקספערימענטע. די מעדיצינישע געלעהרטע בעהויפטען שוין אָבער אצינד, אז די ערפינדונג איז העכסט־וואהרשיינליך א זיכערע און ס'איז צו האָפען אז זי וועט אין קורצען מפורסם ווערען.

# א נייער טעמפעל אין וויען.

די וויענער יודען פון וויעדען אין מארגארעטען־בעצירקע, האבען געענדיגט דעם בוי פון א נייעם טעמפעל. וועלכען ווי האָבען פאר א יאָהרען נענומען בויען לכבוד דעם 60־יעהריגען רעגירונגס־יובילעאום פונם קאיזער׳

דער נייער טעמפעל האט א רוים פון 500 זיצפלעצע מיט א שעהנער גאלעריע. פון דער גא־לעריע פיהרען אראב דרייערליי שטיגען, וועלכע ער־מעגליכען אינים נויטיגען פאל דעם אלערשנעלסטען אויבגאנג פון דער גאלעריע.



גרעפין טערעקי די פרוי פון עגיפטישען קהעדיווע.

ביים בויען איז די בעטאנאייזענקאנסטרוקציאן בע־נוצט געוואָרען אין א גרויסען קוואנטום. דורך וועלכען דער טעמפעל איז געזיכערט געוואָרען פאר פייער־פעלע.

דער פלאן פונים טעמפעל, וואס זיין בילד ברענגען מיר אין דער היינטיגער נומער, איז געצייכענט געוואָרען פונים ארכיטעקט גארטנער און אויסגע־פיהרט פונים שטאדטבוימייסטער באדנער.

# א גרעפין אלס פרוי פונ'ם עגיפטישען קעניג.

„הכל תלוי במזל". ציגיאלעמען אין דער וועלט מוז מען האבען גליק. אפילו צו לעבען אויפ׳ן גרויסען פוס דארף מען אויך טוינען. עס זאל זיך נישט אויסלאָזען א בוידעס. א מאָכטער פון א פשוט׳ען אונגארישען אינ־זשעניער. וועלכע ווערד פון איהר גאנצער פאמיליע פער־אכטעט, ווייל זי וויל נור לעבען אויף גרויסען פוס. ווערד איצט די פרוי פונ׳ם עגיפטישען הערשער. דאָס איז א מעשה, וואָס איז נישט געהערט געוואָרען זייט די וועלט שטעהט.

אמת איז, די איצטיגע קהעדיווין סאבעירא, אָדער ווי זי האט פריהער געהייסען גרעפין טערעק, איז א בילד שענע פרוי און דעריבער טאקי האט זי לייבט נעקענט זיך בעוועגען אין אלע „העכע פענסטער" פון וויען וואו זי האט געלעבט. דארט האט זי אייך די זכיה נעהאַט קענען צו לערנען דעם עגיפטישען קעניג. וועלכער האט זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט. זי איז דעמאלט געווען זענגערין אין א וויענער טעאטער. זי איז אבער דאָרט נור נעפעלען, אזוי לאנג זי האט געשוויגען. קוים האט זי דאס מאל נעעפענט, איז נישט געווען וואס צו הערען. זי האט אלזא אייגגעזעהען, אז די בינע איז פאר איהר קיין פעלד נישט און האט זיך געווידמעט אויף א נייע געביעט; צו פערדרעהען יונגע לייט די קעפ. דא האט זי מצליח געווען אפילו ביים עגיפטישען קהעדיווע. וועל־כער האט זי מיטגענומען מיט זיך אויף דער רייזע. זי האט איהם אומעטום און שטענדיג בעגלייטעט און אין קאירא האט זי אנגענומען דעם מאהאמעדאנישען גלויבען. דער קהעדיווע האט פאר איהר אויסגעבויט א פראכט־פאלעו פאלאין אין קאירא און א צייט האבען זיי גע־לעבט „אהן חופה וקדושין". איצט האט זיך דער קעניג מישב געווען און האט מיט איהר חתונה און זעצט זי אנידער נעבען זיך על כסא מלכותו.

האָ, האי נישט אומזיסט האט מען אנגעשריבען הכל תלוי במזל...

# א שרעקליכע נקמה.

די פאריזער „ראזבאָיניקעס" האבען יענע וואָך אב־געא־בייט א שטיקעל. צו וועלכען נור אואלכע לייט זע־נען פעהיג געווען. די מעשה איז אזוי געווען. זייט יאה־רען האבען זיי זיך פערלעגט אין די פאריזער פאָרשטעדט און פלעגען דאָרט אָנארבייטען ממש א חורבן. קיין שום מענש איז ניט דורכגעגאנגען ביי נאכט זיכער מיט׳ן לע־בען און נישט איינער איז דאָרט נהרג געוואָרען. דיא „אפאשען" (די ראָזבאָיניקעס) פלעגען מיט מעסערס און אנדערע כלי־זין בעפאלען די דורכגעהער און פלעגען זיי בערויבען און מאָרדען. שפעציעל האָט זיך דאָרין אויס־געצייכנעט איינער מיט דעם נאָמען ליאבעף. וועלכען זיי האָבען פא־ זיין „חריפות" געמאכט פאר זייער ראש וראשון. געריפען האָט מען איהם דער געפאנצערטע מענש און פשוט גאנץ פאריז האט פאר איהם געציטערט.



א נייער טעמפעל אין וויען.



דאס נייע יובילעאומס-קינדערשפיטאל אין טשערנאוויטץ.



„שאנטעקלער“: סצענעס פון דעם טהעאטער-שטיק.

די פאליציי האט איהם געזוכט אלאנגע צייט און מ'האט איהם כאין אופן נישט געקענט דערטאפען. פלוצים האט זיך אויף דער פאליציי געמעלדעט א מיידיל, וועלכע האט דערצעהלט דעם סוד און נאכגעוויזען ווי דער געפעהרליכער מענש ליאבעף וואוינט. דאס מיידיל איז געווען טאקי זיינע א געליעבטע, וועלכע האט איהם געוואלט אבטהון א שפיצעל. ווען מ'האט איהם פערהאפטעט, האט די פאליציי געהאט אנ'ארבייט ניט צו בעשרייבען און נישט איינער איז פערוואונדעט געווארען.

דעם פרייטאג איז די געליעבטע ליאבעף'ס, לואיזע דעלארנע, געקומען אין שענק אריין, וואו די „אפאשעס“ זענען געזעסען, און ווי די אפאשעס האבען זיא דערזעהן האבען זייא אנגעהויבען אין איהר נקמה צו נעהמען פאר זייער פיהרער. ווער ס'האט בייא זיך געהאט א מעסער, א פיסטויל, א דראנג אדער ווער ס'האט נור געקענט ארויסרייסען א פיסעל פון א בענקיל אדער פון א טיש, האבען אלע זיך אויף איהר געווארפען און זי אווי לאנג געשלאגען, ביז זיא איז טויט אניערגעפאלען און זייער בלוט האט זיך אביסעל אבגעקיהלט.

# דער ראבינער פון אויגסבורג געשטארבען.

אין אויגסבורג (באיערן), איז געשטארבען דער דאָרטיגער זעהר בעליבטער און אויך פאפולערער ראבינער דר. גראָס, וועמענס בילד מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער.

דער נפטר איז אויך געווען זעהר טעטיג אויף דעם ליטעראריש-וויסענשאפטליכען געביעט. א חוץ זיינע רעליגיאנס-אונטעררייכטס-ביכער, וועלכע ווערען בענוצט כמעט אין גאנץ דייטשלאנד, האט ער געשריבען עטליכע פראנצויזישע ווערקע, צווישען וועלכע ס'איז בעריהמט געוואָרען דאָס ווערק „גאלליא יודאאיקא“. דיזעס ווערק בעהאנדעלט די געשיכטע פון די יודען אין פראנקרייך און דיענט פאר געשיכטס-פאָרשער אלס די בעסטע קוועלע.

זיינע ארבייטען איבער סעמיטיש-אָריענטאלישע שפראכען-קונדע, געהערען עבענפאלס צו די בעסטע אויף דיזען געביעט און דער מחבר האט זיך דורך זיי געמאכט אונשטערבליך.

די לויה איז פאָרגעקומען אונטער אלגעמיינער בעטהייליגונג פון דער גאנצער אויגסבורגער בעפעלקערונג, אָהן אונטערשיעד פון שטאנד, נאציאָן אָדער רעליגיאָן. אויף'ן בית-הקברות האט דער מינכענער אָבער-ראבינער דר. ווערנער דעם נפטר מספיד געווען און הערפאָרגעהויבען זיינע פערדיענסטע לטובה דעם יודענטהום. תנצב״ה.

# די קרופ'שע קאנאנען-פאבריק.

ווי ס'ווייזט אויס, זענען די אלע קאנפערענצען און קאנגרעסען וועגען שלום, וועלכע ווערען אבגעהאלטען אין האאג און אין אנדערע גרויסע שטעדט, בלויז קאנגרעסען, וואס בלייבען אויפ'ן פאפיער און ווערען נישט אויסגעפיהרט.

ווער ס'האט נאך אין דעם געצווייפעלט, דער קען ערזעהן דערפון, וואס פלוצים פון דער העלער הויט, איז די גרעסטע קאנאנענפאבריק אין אייראפא, וועלכע פערשפרייט אויך די ערציינניסע איהרע אין אפריקאנישע און אזיאטישע מלוכות און פערזארגט זיי מיט קריעגסמאטעריאל, די קרופ'שע פאבריק, פערגרעסערט געווארען מיט א נייער ווערקשטעטע, וועלכע וועט ערציינען נייע מאטעריאל, צו פערשטערקען דעם — קריעג.

קרופ'ס פאבריקען בעשעפטיגען א פערזאנאל פון טויזענדער ארבייטער, וועלכע האלטען אויס אנ'איינען מעאטער, אנ'איינען קאנצערט-הויז, בכלל זעהט עס אויס ווי אנ'איינענע גרעסערע שטאדט, וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט פאבריצירען קאנאנען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד, פארשטעלענדיג א ווערקשטעטע אין ד״ר קרופ'שער קאנאנענפאבריק. דערארטיגע ווערקשטעטען זענען דארט פאראהאנען עטליכע, — אין דאמון קען מען זעהען, ווי גרויס די פאבריק איז.

לויט ס'ווייזט זיך, זענען נאך נישט מקוים געווארען די ווערטער ישעיהו הנביא'ס, אז פון שווערדען וועט מען מאכען גראבלעס און פון ביקסען — גראבאייזענס. לעת עתה מאכט מען שווערדען און ביקסען, האמאטען און קאנאנען און ווער ווייסט ווען ס'וועט מקוים ווערען ישעיה'ס נביאות.

---

די אבאנענטען פון דער „יודישער אילוסטרירטער צייטונג“, וועלכע אבאנירען דאס בלאט דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע, וועלען בעקומען אלס בחנם'דיגע פרעמיע די ליטעראריש-בעלעטריסטישע מאנאטשריפט

„בית ישראל“

(א פאמיליענבלאט פאר יעדען יודישען הויז.)



די קרופ'ז'ע קאנאנענפאבריק: די נייע ווערקשטעטע אין דער פאבריק.

מען זאל נים זאגען עפּעס ווענען פּראָפ. שאַץ. די די נשמה פֿון „בצלאל". פּראָפ. שאַטץ איז דער איג־טערעסאַנסטער געגענשטאַנד אין דער גאַנצער אויס־שטעלונג—און א געגענשטאַנד וואָס אוצרות קענען נים קויפֿען.

פּראָפֿ. שאַץ האט געהאלטען א שטעלע פֿון א קונסט־לעהרער אין דער אקאדעמיע פֿיר שעהנע קינסטע אין בולגאריען. כסך הכל האט ער געהאט אָבגעשפּארט א זעכס טויזענד פֿראַנק. ווען ער איז געקומען צום צווייטען קאָנגרעס אין באזעל האט ער בעשלאָסען אז ער קען וואס אויפֿטהון אין ארץ־ישראל פאר די יודען. מהיכא תיתי. וואָס קען ער דא פֿערלירען? איז ער אוועק און האט בעצאָהלט דריי טויזענד פֿראַנק פֿאר א יאהר דירה־געלד פֿאר די בצלאל־שולע אין ירושלים, און פֿאר די איבריגע האט ער איינגעשאַפֿט וואס ער האט געקענט.

יא, עס איז איהם געווען א ביסעלע שווער — נים ער צו — אבער פּראָפּ. ווארבורג, דר. פּאול נאַטהאַן פֿון הילפֿס פֿעראיין דער דייטשען יודען, איינינע בע־ריהמטע קינסטלער, און פֿיעלע נוטע ציוניסטען האָבען אנגעהויבען איינצוזעהן וואס די בצלאל־ש־לע קען אויפֿטהון און איצטער געהט עס נאט צו דאנקען נים שלעכט. עס קומט צו איין אבטהיילונג נאך דער אנדערער.

איצט איז שוין בצלאל א נ־ויסע קונסט־שולע, וועלכע האט בעקומען א נאמען אין דער גאנצער וועלט.

רעם לעצטען ציוניסטען־קאנגרעס אין האמבורג האט זי דארט פֿעראנשטאלטעט א אויסשטעלונג פֿון איהרע ערצייגניסע. דערנאך איז די אויסשטעלונג איבער־געגאנגען קיין וויען, איצט איז זי אין לעמבערג, פֿון דארט קומט זי קיין קראקא.—

דיעזע אויסשטעלונגען וועלען פֿיעל מיטהעלפֿען צו פֿערברייטען דעם כבוד פֿון „בצלאל" אין אלע לענדער.



פרוי טראַפּש געשטארבען: די פֿרוי טראַפּש אין אוידיענץ ביים קאַיזער אים פֿערגאַנגענעם זומער.

# די „בצלאל" אויסשטעלונג אין לעמבערג.

אין דעם זאאל פֿון דער לעמבערגער קולטוסגעמיינדע איז די וואך ערעפֿינט געווען א אויסשטעללונג פֿון קונסט־זאכען און האנד־ארביים־ארטיקלען, וועלכע די תלמידים און ארבייטער פֿון דער בצלאל־שולע אין ירושלים האבען געשאַפֿען.

דעם גרעסטען פּלאַטץ אין דער אויסשטעללונג פֿארנעהמען די טעפּפּיכע (קארפּעטס). סוחרים אין דעם פאך, וועלכע קענען מיט גרינדליכע מבינות אפּשאַטצען דעם ווערטה פֿון א טעפּפּיך ווען זיי זעהען איהם, זענען פֿול מיט צופֿריעדענהייט און בעוואונדערונג פֿיר די שעהנע צייכנונגען, פֿיר דעם קינסטליכען געוועב און פֿיר די קוואליטעטען פֿון דעם מאטעריאל. זיי בע־הויפּטען אז די קארפּעטס פֿון דער בצלאל־שולע קענען זיך מעסטען אין יעדער בעציהונג מיט די בעריהמטע פּערזישע קארפּעטס וואס האבען א שם אין דער וועלט.

דער לעצטער בעריכט פֿון דער „בצלאלי־שולע טהיילט מיט, דאס מיט איינינע מאנאט צוריק האט די בצלאל־שולע געפֿייערט דעם יובל פֿון טויזענדסטען קארפּעט וואס זי האט געמאכט. דער זעלבינער בע־ריכט לאזט אונז אויך וויסען דאס די קארפּעט־אבטהיילונג פֿון „בצלאל" בעשעפֿטיגט 61 ארבייטערינען, און דאס דער פֿיהרער פֿון דיעזער אבטהיילונג איז א תלמיד פֿון דער בצלאל־שולע.

אויף די ווענד פֿון דעם אויסשטעלונג־זאאל זעהט מען אויך צעהנדלינע סקיצצען און צייכנונגען אין קרעיאן אנגעפֿערטיגט פֿון די תלמידים פֿון דער שולע. אזוי ווי דיעזע צייכנונגען זענען אלע געמאכט פֿון דער נאטור, ט־אגען זיי אויף זיך דעם כאראקטער פֿון יודישען לעבען אין ארץ ישראל. אויף דיעזער אויסשטעלונג קען מען אלזא זעהן די התחלה פֿון א יודישען קונסט־אויסדרוק, פֿון א יודישען לעבען.

בעזונדערע אויפֿמערקזאמקייט ציהט אויף זיך די אבטהיילונג פֿון פיללי־גראן־ארבייט (נאלד און זילבער־געוועב) און פֿון דאמאסקוס מעטאל־א־בייט. אלערליי חפצים וואס לייטע זענען געוועהנט צו טראגען ביי זיך, ווי צינא־ען־טאשען, בראשען, און פֿערציערונגען פֿון אלערליי פֿארמען, אויספֿערבייט פֿון פֿיינע זילבער־פֿעדים, ליענען אין די שויקאסטענס און ווערען בע־וואונדערט פֿון מבינים. בעזוכער מאכען בעשטעלונגען און פֿיעלע קויפֿען דיעזע ארטיקלען אלס פּאסענדע מתנות פֿיר פֿריינדע.

די אבטהיילונגען פֿון האלץ־שניטצעריי, פֿון בילדער ראהמען, פֿון פּערלמוטער ארבייט זענען פֿערטרעטען דורך א היבשע צאָהל ארטיקלען וועלכע זאגען עדות אויף די געשיקטקייט און האנדפֿערטינקייט ווי אויך אויף דעם גוטען געשמאַק פֿון די ארבייטער. עס וענען אויך אויסגעשטעלט א היבשע צאהל פֿערשיעדענע ארטיקלען פֿון דער ליטאגראפֿישער אבטהיילונג פֿון דער בצלאל שול. ווי אויך פֿון דער אבטהיילונג פֿון געפֿלאכטענע מעבעל־שטיקער און געפֿלאכטענע קערב.

אום ריכטינ אבצושאַטצען דעם ווערטה פֿון דיעזע ארבייטען, מוז מען האלטען אין זינען, דאס די בצלאל שולע איז נאך נים אלט קיין צעהן יאהר און דאס דעם אנפֿאנג איהרען האט מען צו פֿערדאנקען צו די בע־מיהונגען פֿון איין־איינציגען מאן, פּראָפּ. באריס שאַטץ.

איין איבערבליק איבער די בצלאל־אויסשטעלונג קען נים זיין גאנץ, ווען מען זאל אפילו ארומריידען יעדען געגענשטאנד בעזונדער מיט אלע פּרטים. ווען מען

# משה ליב ליליענבלום ז״ל.

פֿון ארעס קומט די טרויריגע ידיעה, אז משה ליב ליליענבלום איז דארט נאך א לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבען, 67 יאהר אַלט.

נים אין אַ צייטונגס־אַרטיקעל לאזט זיך אַבשאַצען ליליענבלום'ס פֿיעלזייטינען ווערטה: אַלס שריפֿטשטעלער. געלעהרטער און כלל־טהוער. ליליענבלום'ן שאַצען—הייסט גאַנצע צוויי תקופות אין יודישען לעבען שאַצען: די תקופה פֿון השכלה און די תקופה פֿון חבת ציון. דאַס דאַרף אין אַ ווערק געמהון ווערען, אַ צייטונגס־אַרטיקעל געניגט נים דערצו.

איז אבער ליליענבלום אַ פּובליציסט געווען; אַ פּיבליציסט פֿון גאָטעס־גנאדען, וואָס ה״לינ פֿייער, „דאָס פֿייער פֿין אמת", האט איהם זיין ווענ בעלויכטען.

ליליענבלום האָט שוין זיינע ערשטע שורות מיט מסירת נפש געשריבען, נים געלד און נים כבוד האט איהם געטריבען צו שרייבען, נור אַנ'אינווייניגסט שטרע־בען, אַ שטרעבען בעקאַנט צו מאַכען די וועלט מיט דעם אמת, וואָס ער האט געפֿונען. מיר קאָנען זיך קיים פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ מיטה מען האָט געדאַרף האָבען כדי זיך צו ערלויבען מיט 40 יאָהר צוריק ארויס



די פֿליעה־וואך אין העל יאפּאלים; א בילר פון דער אלטער שטאדט העלי יאפּאלים אין עניפּטען.

# די פליהוואך און העליאפאליס.

די אלטע עגיפטישע שטאדט העליאפאלים, וועלכע איז בעקאנט דורך איהר קלימאטישער לאגע און דורך דעם נאהנטקייט צו די פיראמידען, איז די וואך געווען דער שויפלאץ פון א גרויסער פליהבעוועגונג. אזש ביז אהין זענען זיך צונויפגעפלויגען די נייע פעגעל אין מענשענגעשטאלט מיט זייערע אפאראטען. „פיערטויזענד יאהר קוקען אויף אייך אראב פון די פיראמידען" — האט נאפאלעאן צו זיין היל געזאגט, ווען ער איז געווען אין יענער געגענד. דאסזעלבע קען מען אויך זאגען צו די פליהער אין העליאפאלים. פיערטויזענד יאהר קוקען די פיראמידען און דערזעהן איצט פאר זיך א נייע זאך, וואס איז עד היום נאך ניט געווען. מענשען מיט גרויסע פליגעל־אפאראטען פליהען אין דער הויך, דאס האבען זיי זיך ניט געקענט פארשטעללען.

זעקס טעג האט דאס פליהען געדויערט און ערשט אם זעקסטען טאג איז מען בעקאנט געוואָרען מיט דיא געווינער. אויסגעצייכנעט האט זיך מיט׳ן ערשטען פרייז רוגיער, וועלכער איז געפלויגען אם לענגסטען (48 קילאמעטער) און אם העכסטען (225 מעטער). אם שנעלסטען איז געפלויגען לע בלאן, וועלכער האט אין 8 מינוט געמאכט 10 קילאמעטער.



די בצלאל־אויסשטעלונג אין לעמבערג: א גרופע בעזוכער פון דער פראווינץ.

צוטרעטען מיט דער פארערונג. דאס יודענטהום צו רעפארמירען, ליליענבלום, וואוינענדיג אין א קליין ליטווישׂ שטעדטיל, אונטער דער הע־שגחה פינ׳ם אמאליגען קהל, האט אין זיך דעם מוטה געהאט.

און נאך מעהר מוטה האט ער געהאט מיט יאהרען שפעטער, ווען ער האט זיך ארומגעזעהען, אז זיין פריהערדיגער גאנג איז א פאלשער געווען. דער ערשטער איז ער געווען אין אנהויב פון די 80־ער יאהרען, וועלכער האט זיך אבגעזאגט פון זיין פריהערינען שטרעבען נאך אויסען און זיך צוריק, איגוויינינג־צו אומגעקעהרט.

און מיט׳ן איינענעם ערנסט, ווי ער האט פריהער געשטריטען פאר דער השכלה און פאר דער רעפארם, האט ער איצט געשטריטען פאר׳ן נאציאנאלען אויפלעבען פון יודענטהום. אין דער צייט איז ער געווען דער הערשער אין דער יודישער פרעסע; דער וואָרט־פיהרער בנוגע צו אלע יודישע ענינים. צו זיין וואָרט האט מען זיך צוגעהערט, מיט זיינע מיינונגען האט מען זיך גערעכענט און ער איז געווען דער שרייבער אין דער יודישער ליטעראטור. אבער אינאיינעם דערמיט איז דאך ליליענבלום אניענו געווען, צנועות׳דיג געשריבען און צנועות׳דיג זיך צו אנדערע שרייבעם פערהאלטען. ליליענבלום האט אין זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט פון קיין פניות ניט געוואוסט. ער האט מודה געווען, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז יענער איז גערעכט און האט דאס פאר קיין פחיתות הכבוד ניט געהאלטען.

ליליענבלום איז געווען דער גרינדער פון דער חברה חובבי ציון. אבער ביז ניט לאנג האבען דערפון נור יחידים געוואוסט. די וועלט האט געמיינט, אז דער ד״ר פינסקער איז דער גרינדער געווען: אין אמת׳ן איז ליליענבלום געווען דער גאנצער אויפטהוער און ער האט עם דעם ד״ר פינסקער אויסגעשטעלט פאר דער וועלט, כדי דער גאנצער ענין זאל מעהר צוטרוי געווינען.

און ביז דער לעצטער צייט איז ליליענבלום א לעבעדיגער מענש געווען. אלץ, וואס אין לעבען איז פארגעקומען, האט איהם אינטערעסירט און אויף אלצדינג האט ער זיך אבגערופען. זיין אייזערנע לאגיק האט איהם ביז לעצטען טאג צוהערער צוגעצויגען.

צוהערער — אבער ניט קיין נאכפאלגער. קיין וועג־ווייזער איז ער לאנג שוין ניט געווען. פון זיין השכלה־שטרייט, דעם־הויפט פון זיין השכלה־נצחון, האט ער אליין די הענד אבגעשאקעלט. זיין נאציאנאלען אידעאל, דעם אידעאל פון פאלקס־אויפלעבונג, פערשטעהען פיעל אונזערע אויך אנדערש, ווי ער האט דאס פערשטאנען. זיין „חטאת נעורים" האט געהאט מעהר ערפאלג, ווי זיין „דרך תשובה".

אבער דער אלטער זאגט: „ווער עס האט פאר זיין צייט געלעבט, האט געלעבט פאר אלע צייטען" — בלייבט אויך בנוגע צו ליליענבלום׳ן גילטיג.

און אין פרט פון יודישען וויסען, ליטעראַרישער צניעות און ליטעראַרישער אויפריכטיגקייט וועט ער לאנג נאך פאר פיעלען קאָנען אלס מוסטער דיענען.

די לעצטע צייט האט ער זיך פערנומען מיט ארדנען זיינע כתבים און ווי ארויסגעבען אין עטליכע בענדער. זיי דרוקען זיך איצט אין קראקא ביי יוסף פישער.

דער טויט האט איהם געשטערט די דאזיגע ארבייט אויסצופיהרען.

זאל איהם די ערד גרינג זיין.

# פון דער רעדאקציע.

**וועגען א נישט־אנגענעהמען צופאל האבען עטליכע בילדער, וועלכע מיר האבען אנגעקינדיגט אין דיעזער נומער, נישט געקענט אריינקומען וועגען וואס מיר בעטען די פ. ט. לעזער אום ענטשולדיגונג.**




די בצלאל אויסשטעלונג אין לעמבערג: דאס קאמיטע פון דער אויסשטעלונג מיט פראפ׳ באריס שאץ

## מתחדשת ההתימה על „העולם" לשנת 1910
### (השנה הרביעית).

„העולם" לא יסור מדרכו, שהתוה לו, להיות כלי מבטאי של רעיון התחיה והגאולה, להגן על הקנינים והדרישות הלאומיים של העם העברי בכל ארצות מושבותיו. „העולם" יעמוד תמיד „על המצפה" לבא- ולכ-ראת כל שאלות היינו בכל מקצועותיהם.

מתהילת השנה הבאה ירחיב „העולם" את חלקו הספרותי והמדעי. ומלבד שירים ספורים ופיליטונים יבאו בו מאמרי בה-ת על הספרות הישראלית והכללית, ומאמרי מדע בכל מקצועות היהדות והמתיחס עליה. „העולם" יקבע סדר חדש ונאה בחלק המכתבים שלו, כדי שישתקפו בהם בבהירות ;בשלמות חיי העם בגולה ובארץ-ישראל. יוסיף עליהם עוד פרק חדש. „ברוסיה" — השקפות קצרות, המחזיקות את המרוכה על כל הנעשה והנחשב במ-כז הגולה. „העולם", בהיותו האורגן העברי היחיד של הציונית העולמית, יקדיש מקום גדול לבירור של כל עניני התנועה הציונית והפ-ק בציונות" ישמש השקפה נאמנה על כל הנעשה והמתרגש להעשות בתנועתנו.

### תנאי ההתימה:

מחיר „העולם" ברוסיה: לשנה 4 רובל, לחצי שנה 2 רובל, לרבע שנה 1 רובל.
בהו"ל: באוסטריה-אונגריה 10 כתרים, בגרמניה 9 מארק, באנגליה 9 שילינג, באמריקה 2½ דולר בארץ-ישראל 10 פרנק, בפרנציה וביתר הארצות 12 פרנק, ובחשבון זה לחצי ולרבע שנה.

גליון בודד 10 קאפ'. בעד שנוי האדריסה 30 ה'. האדריסה:

Red. »Haolam« Wilna (Russia).



## ספרי המנוח דר. שלמה רובין.

יצאו לאור בדפוס מהודר:

## תהלת הכסילים
### או צואת בעור בן חמור
(הלצה)

הוצאה חדשה ומתוקנת ע"י המחבר. (ההוצאה הראשונה אינה במציאות)

המחיר 2 כתרים.

## שני לוחות הפילוסופיא

יכילו אמונות השניות (Dualismus) ודעות האחדות (Monismus)
בשלשת יסודות הפילוסופיא שהם: האלהים התבל והאדם. (עם תמונות המחבר)

המחיר כתר אחד.

## ספור יצירת העולם

בהסכמת עם הדעה בהשתלשלות הבריאה (Evolutionismus) ועם הדעה באחדות מוחלטת ביקום התבל (Monismus)

מחירו כתר אחד.

## עץ הדעת

הוצאת שניה (ההוצאה הראשונה אינה במציאות) שמות ותכן כל החכמות והמדעים למיניהם בתבנית עץ עם שרשיו וענפיו.

המחיר 40 העללער (עם המשלוח).

ארבעה הספרים נמכרים אצל המו"ל:

**Josef Fischer, Buchdruckerei, Krakau, Grodgasse 62.**



## ☛ לעזט די טעגליכע צייטונג ☚

# „דער טאג"

## ☛ „דער טאג" קאסט: ☚

**אין קראקא און אין לעמבערג:**

מאנאטליך 1.20 קראנען.
פיערטעליעהרליך 3.50 „
האלביעהרליך —.7 „
איינצעלנע נומער 6 העלער.

**אין גאנץ עסטעררייך:**

מאנאטליך 1.50 קראנען.
פיערטעליעהרליך —.4 „
האלביעהרליך —.8 „
איינצעלנע נומער 8 העלער.

**אין רוסלאנד:** מאנאטליך 50 ק. פיערטעליעהרליך 1.50 רובל. האלביעהרליך 3 רובל. איינצעלנע נומער 2 קאפ.

**אין אויסלאנד:** מיט טעגליכער צוזענדונג פער קווארטאל 7 פראנק. גאנציעהריג 25 פראנק. איינצעלנע נומער 12 סענטים.

## ☛ פרעמיע פאר די אבאנענטען.

די דירעקטע אבאנענטען פונ'ם „טאג" בעקומען אלס בחנם'דיגע פרעמיע די אילוסטרירטע ליטעראריש-בעלעטריסטישע מאנאטשריפט **„בית ישראל"** (א פאמיליענבלאט פאר יעדען יודישען הויז).

דאס ערשטע העפט ערשיינט שוין אים קומענדען חודש יאנואר.

די אבאנענטען פון דער „יודישער אילוסטרירטער צייטונג" בעקומען דעם „טאג" מיט 10% ביליגער. עבענזא וועלען די אבאנענטען פון דעם „טאג" בעקומען די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" מיט 10% ביליגער.

---

אדרעסע: **Redakcya „DER TAG" (Dzień) Kraków, Grodzka 62.**
**Skrzynka pocztowa 124.**

פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא 49, פיליע אין לאדז: פשעיאזד 16.

# עפּילעפּסיע.

וועד עס אן פּאלזוכט, קרעמפּפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט. פערלאנגע בראשירע דאריבער. ערהעלטליך גראטיס אונד פראנקא דורך די
**Privil. Schwanen-Apotheke.**
**Frankfurt a. M.**

---

פאן איינען עסטעררייכישען באנקהויזע יעדען טיכטיגען פּלאצפערטרעטער צור ענטגעגענאהמע פון בעשטעללונגען אויף לאזע נעגען ראטענצאהלונגען נעגען האהע פראוויזיאן געזוכט.

אפערטע זינד צו ריכטען:
Anker Posada-Olechowska Postrestante

---



ואדאחאסער־מאשינען,קופּפער צילינדער אלעראדט בעדארפס־ארטיקעל פיר ואראר־וואסערפאבריקען ליפערט ביללינ
Brückenstein Lemberg, Panieńska 16

---

יהודים צעירים! תמכו השתדלו בעד ירחונכם!

מודעה ספרותית!

אחר נסיונות רבות שלא עלו יפה נגשים עברים צעירים בזלוסוב מזוינים בכח חיים חדש, לברא במה ספרותית בגליציה תחת השם

„הצעיר".

„הצעיר" יכנוס תחת דגלו את כל צעירי הכשרונות שבארצנו שיש להם מה להגיד לספר ולשורר.

„הצעיר" יפרה את היצירה העברית בכוונה היותר מודרני וישפר את הטעם הטוב בהעניקו לקוראיו תפר הגון מעשי ידי סופרים מומחים. מכמו של „הצעיר" יהיה מכון תמיד אל מרכז שאיפתו יהית תמיד הטעם הטוב שם העורך של „הצעיר" ככר ערובה כי יהית ירחון ספרותי במלא מובן המלה.

„הצעיר" יתחיל לצאת בחודש פעבער הבא בדיוק בכל חודש וחודש. מחיר לשנה 2 ק. 20 ה. לחצי השנה 1 ק. 15 ה. לרבע השנה 60 ה. מחיר החוברת 20 ה.

הכתבת לרדקציה: Isak Fernhauf Stanislau
לאדמיניסטרציה: Lasar Bernstein Złoczów

יהודים צעירים התאחדו בעד ירחוניכם. סוכנים הרוצים ווריזים יבוקשו.

---

די פערטרעטונג פיר טארנאוו פון דער „ניו־יארקער אונטערנאציאנאלער ביבליאטהעק" האט איבערנומען די פירמא:
**SALAMON NEUMAN, TARNOW**
**Buchhandlung.**
אילוסטרירטע קאטאלאגען גראטיס און פראנקא.

---

# געהער עהל

פונים בעריהמטען אבערשטאבסמא־צט או פייקס דר. ג. שמידט בעווייזט שנעל און גרינדליך טויבהייט אויערן־פלוס אויער־זשימען און שווער־הער־יגקייט אפילו ביי פעראלטעטע פעלע צו בעציהען א 4 קראנען די פלאש מיט נעברויכס־אנווייזונג דורך די
vor Apothke H. RUBEL
m. S Rucker, Lemberg.

---

Marka ochronna
# ·Cacao·
# Hoff
Przewyższa wszystkie dotychczasowe marki. Jana Hoffa fabryka czekolady i kakao. WIEDEŃ-STADLAU.

---

# Kluge Eheleute

bestellen sofort gegen Einsendung von nur 60 Heller in Briefmarken das Buch Ehe u. Liebe ohne Kinder, durch Frau
**Huller, Leipzig-Li., 22.**

---

Für Wien-Reisende!

# Hotel Nordwestbahn

**Wien II, Taborstr. 47**
(beim Nordwest u. Nordbahnhof) empfiehlt schöne, reine Zimmer um K. 2 50 8 Min. vom Stadtzentrum. Alle Auskünfte im Hause.
***Zimmermann*, Besitzer.**

---

# אלערפיינסטען טהעע אונד קאפע

פערזענדעט פער פאסט פון איין קילא אנגעפאנגען פאן 4 קילא אויפווערטס וענדע פראנקא אונד אנגרא־פרייזע בערעכנעט. אן ווידערפערקייפער גרויסער ראבאט.

דא איך איין גרויסעס לאגער דירעקט אויס טריעסט האבע זא זינד די פרייזע מעסיג: טהעע פאן 4 קר', קאפע פאן 2.40 אויפווערטס. אויף פאקעל טהעע פון 6 h. אנגעפאנגען בעקאממען ווידערפערקייפער 30% ראבאט.

Alexander Frey, Nowy-Targ.

---

# Bettnässen!

Befreiung sofort, Alter und Geschlechts angeben. Auskunft umsonst. Institut Aeskulap Nr. 476 Regensburg in Bayern.

---

# „VLAHOV"

najlepsza hygieniczna specyalność światowej sławy, o cudownie wzmacniającem działaniu na żołądek.

# „MARASCHINO CREME"

przewyższa wobec swej doskonałości wszystkie pod tą nazwą wyrabiane likiery,

dostarcza:

# R. VLAHOV, Zara w Dalmacyi.

Zastępca dla Galicyi i Bukowiny:

# ALOJZY GROBLER

Dom komisowy w Krakowie. Telefon Nr. 518.

---

# Reparaturen

von
**Nähmaschinen**
aller existierenden Systeme
wie auch
**Elektrischer-Glocken**

übernimmt zu billigen Preisen

# Erwin Fuchs

**Elektro-Mechanische-Anstalt- und technische Niederlage.**
**Krakau, Senackag. 10.**
Provinz-Aufträge werden promptest effektuirt.

---



Zeïdijje

Soeben erschienen:

# „ZEÏDIJJE"

**Das goldene Buch der Schönheitspflege**

Verfasst von **Ph. MR. GUSTAV PROCHE**

Apotheker und Inhaber des chemisch-kosmetischen Laboratoriums **Brcka**, Bosnien.

Inhalt:

1. Vorwort.
2. Was ist die Schönheit?
3. Was nennt man Schönheitspflege?
4. Jede Dame kann schön werden.
5. Systematische Schönheitspflege.
6. Wie die Orientalin die Schönheitsmittel gebraucht.
7. Ueppiger Haarwuchs.
8. Behandlung spröder, struppiger Haare.
9. Pflege der Augenbrauen und Wimper.
10. Haarfarbe schwarz.
11. Tägliche Mund- und Zahnpflege.
12. Gutachten.

Versand diskret gegen Vorauseinsendung von 60 H. (auch in Briefmark.) portofrei durch:

Parfumerie ORIENTALE GUSTAVE PROCHE BRČKA-BOSNIE

ОРИЈЕНТАЛСКА ПАРФИМЕРИЈА Густав Прохе. Брчко-Босна

